NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11166

FARSHTRAYKT

Jack London

The original of this title comes from the permanent collection of the YIVO Institute for Jewish Research, New York, NY

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מאַסנ-ביבליאָטעק

דזשעק לאָנדאָנ

פאַרשטרייקט

№ 70

פאַרלאַג „עמעס" מאָסקווע 1937

דזשעק לאָנדאָן

פאַרשטרײַקט

פאַרלאַג „עמעס“, מאָסקווע 1937

— ווערסט ניט אויפשטיין, דזשאַני, וועסטו ניט קריגן צום עסן.

די דאָזיקע דראָונג האָט אָבער ייִנגל קיין ווירקונג ניט געהאַט. ער איז זיך ווייטער געשלאָפן און אויך מיט אַזאַ אַקשאָנעס ניט געוואָלט זיך מיטן שלאָף שיידן, ווי אַ טרוימער מיט זײַן טרוים. דעם ייִנגלס הענט האָבן זיך אומבאַוווסטזיניק אין פויסטן געבײַלט און ער האָט קראַמפּהאַפט מיט זיי אין דער לופט באַוועגט. די דאָזיקע קלעפּ זײַנען געווען באַשטימט פֿאַר דער מוטער, נאָר זי איז געווינט געווען דערצו, און ווען זי האָט געשיקט די קלעפּ אויסגעמיטן, האָט זי ווײַטער דאָס ייִנגל שטאַרק בײַ דער פּלייצע געטרייסלט.

— לאָז מיך צורו!

דאָס איז געווען אַ קרעכצנדיקער געשריי פֿון שלאָף, וואָס האָט זיך שנעל געשטאַרקט און פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ ווילדן יאָמער, און דאַן איז ער גלײַך שטיל געוואָרן און איבערגעגאַנגען אין אַן אויסגעצויגענעם קרעכץ. דאָס איז געווען אַ קרעכץ פֿון אַ חיה, פֿול מיט ווייטיק און פּראָטעסט, אַ קרעכץ פֿון אַ חיה, וואָס ווערט געפּייניקט.

נאָר זי האָט דערויף קיין אַכט ניט געלייגט, זי איז גע-
ווען אַ פֿרוי מיט אַ מוטיקן אויסדרוק אין די אויגן, מיט
אַן אויסגעמאַטערט געזיכט, און די סצענע האָט זי קלאָר
ניט געוווּנדערט, ווײַל זי האָט זיך טאָגטעגלעך איבער-
געכאַזערט. זי האָט אָנגעהויבן אַראָפּצושלעפּן פֿון אים די
קאָלדרע, נאָר דאָס ייִנגל האָט אויפֿגעהערט צו מאַכן מיט
די הענט, זיך פֿאַרצווייפֿלט אָן דער קאָלדרע אָנגעכאַפּט,
און, אינגאַנצן צונויפֿגעדרייט באַם צופֿוסנס פֿון בעט, איז
ער נאָך אַלץ געבליבן צוגעדעקט. דאַן האָט זי גענומען
דעם מאַטראַץ אַף דער ערד אַראָפּשלעפּן. דאָס ייִנגל האָט
ניט געלאָזט. זי האָט אירע גאַנצע קרעפֿטן אָנגעשטרענגט. זי
איז טריוואַר געוואָרן, און דאָס ייִנגל מיטן מאַטראַץ האָבן
געמוזט נאָכגעבן, דאָס ייִנגל האָט זיך אינסטינקטיוו געלאָזט
נאָכן מאַטראַץ, קעדיי זיך צו באַהאַלטן פֿון דער קעלט,
וואָס האָט זיך אין צימער געשפּירט און וואָס האָט זײַן
הערצער אַרומגעכאַפּט.

בעשאַס ער האָט זיך אַפּן ראַנד פֿון בעט אַראָפּגע-
קײַקלט, האָט זיך געדוכט, אַז ער מוז מיטן קאָפּ צו דער ערד
פֿאַלן; נאָר די פֿאַרשטייענדיקע געפֿאַר האָט-אין אים דער-
וועקט דעם באַוווּסטזײַן. ער האָט זיך אויפֿגעהויבן, אַ מינוט
פֿאַרבליבן אין אַזאַ לאַגע, ווי ער וואָלט זיך מעיאַשעו גע-
ווען, און דאַן האָט ער אַראָפּגעלאָזן די פֿיס אַף דער ערד.
אין דער זעלבער מינוט האָט אים די מאַמע פֿאַר דער
פּלייצע אָנגעכאַפּט און שטאַרק אַ טרייסל געטאָן. ער האָט

ווידער צוזאַמענגעפּרעסט די פויסטן, דאָס מאָל שוין שטאַרקער און מיט אַן אויסדרוק, וואָס האָט קלאָר געזאָגט, אַז ער וויל אַ קלאַפּ טאָן. גלייכצייטיק האָט ער די אויגן געעפנט. די מאַמע האָט אים אויפגעהערט טרייסלען. ער האָט זיך אויפגעכאַפּט.

— איך שטיי אויף, — האָט ער געזאָגט.

זי האָט אַ נעם געטאָן דעם לאָמפּ, אַוועק פון צימער אַרויס און אים אין דער פינצטער געלאָזט.

— שנעלער, — האָט זי דערמאָנט.

ער האָט אין דער פינצטערניש קיין אַכט ניט געלייגט און זיך גענומען אָנטאָן. ווען ער האָט זיך אָנגעטאָן, איז ער אַרויס אין קיך. ער האָט געהאַט אַ שווערן טראָט, כאָטש ער איז געווען אַזאַ מאָגער און לייכט ייִנגל. זיינע פיס האָבן זיך געשלעפּט פון זייער אייגענער שווערקייט, און דאָס האָט אויסגעזען מערקווירדיק, ווייל זיינע פיס זיינען געווען אַזוי מאָגער. ער האָט צוגערוקט צום טיש אַ שטול מיט אַ הורכנעלעבעדיקן געזיץ.

— חושאַני! — האָט די מאַמע שאַרף אויף אים אַ געשריי געטאָן.

ער האָט זיך האַסטיק פון שטול אויפגעהויבן און אָן איינציק וואָרט צוגעגאַנגען צום קראַן. דאָס איז געווען אַ שמוציקער מעשענער קראַן. פון זיין האָט געשלאָגן אַ שלעכטער ריח. ער האָט דערויף קיין אַכט ניט געלייגט.

פאר אים איז עס גאנץ געוויינלעך געווען, וואס פון זליוו האט געשטונקען, ווי עס איז אויך געווען גאנץ געוויינלעך, וואס די זייפ איז געווען מיט שמוץ באדעקט און זיך מער ניט געזייפט. ער האט שוין אפילו גארניט געפרווט אנזייפן, נאר האט זיך באנוגנט דערמיט, וואס ער האט זיך אפגעשווענקט מיט קאלט וואסער. די ציין האט ער ניט געפוצט, פשוט ווייל ער האט קיינמאל קיין ציינ-בערשטל ניט געזען און ניט געוווסט, אז אפ דער וועלט לעבן אזעלכע מענטשן, וואס פארלירן צייט אפ אזעלכע נארישקייטן, ווי ציין פוצן.

— וואלסט זיך כאטש איין מאל אליין דערמאנט, אז מע דארף זיך וואשן, — האט אים די מאמע אויסגע-רעדט.

זי האט ארויפגענומען פון קעסעלע דאס צעבראכענע דעקל און אנגעגאסן צוויי טעפעלעך קאווע. דזשאני האט דער מוטער קיין האב ניט געענטפערט, — דערפון וואלט צווישן זיי ארויסגעקומען א קריג, ווייל דאס וואשן זיך איז געווען דאס איינציקע, אפ וואס זיין מוטער איז פעסט באשטאנען. ער האט זיך אפגעווישט מיט א גראבן, שמו-ציקן, צעריסענעם האנטעך, פון וועלכן עס זיינען פאר-בליבן פעדעם כא אים אפן פאנעם.

— אוי, ווי איך וואלט וועלן, מיר זאלן ניט וווינען אזוי ווייט, — האט זי געזאגט, ווען ער האט זיך געזעצט. — איך טו אלץ, וואס איך קאן, דאס ווייסטו. נאר יעדער אי-

בעריקער דאָלאר איז פאר אונדז א גרויסע זאכ, און אויסער דעמ, איז אונדז דאָ גערוימער. פארשטייסט?

ער האָט זי קימאט גיט געהערט. שוינ אזויפיל מאָל האָט ער געהערט דאָס זעלבע. איר געדאנקענ־קרײַז איז געווענ ניט גרויס און אירע געדאנקענ האָבנ זיכ שטענדיק געדרייט ארומ דעמ, וואָס זיי וווינענ אזוי ווײַט פונ די פאבריקנ.

— אז מע שפּאָרט אָפּ נאָכ א דאָלאר קאָנ מענ קויפנ מער צו עסנ, — האָט ער באלערנדיק באמערקט. — איכ בינ גרייט בעסער ווײַטער צו גיינ, אבי קריגנ וואָס מער צו עסנ.

ער האָט אײַליק געגעסנ דאָס ברויט, פארטרונקענ מיט קאווע און אראָפּגעשלונגענ קימאט ניט קײַנ צעקײַטע שטיקער. די הייסע, ביטערע פליסיקײַט, וואָס ער האָט געטרונקענ, האָט מענ גערופנ קאווע. און דזשאָני האָט געגלייבט, אז דאָס איז קאווע, און מאקע וווילע קאווע. דאָס איז געווענ איינע פונ יענע קנאפּע לעבנס־אילוזיעס, וואָס זײַנענ אימ נאָכ פארבליבנ. קיינ עמעסע קאווע האָט ער קיינמאָל ניט געטרונקענ.

אלס צוגאָב צומ ברויט האָט ער געקראָגנ א קליינ שטיקל קאלט כאזער־פלייש. די מוטער האָט אימ ווידער אנגעגאָסנ א טעפּעלע קאווע. אָפּגעגעסנ דאָס ברויט, האָט דזשאָני אָנגעשטעלט אפּ דער מוטער א פרעגנדיקנ בליק, ווי ער וואָלט געפרעגט, וואָס וועט ווײַטער זײַנ. די מאמע האָט עס גלײַכ באמערקט.

— נו, זײַ קיין נאַר ניט, דזשאַני, — האָט זי געזאָגט, — דײַנע ביילעך האָסטו שוין באַקומען, דײַנע ברידער און שוועסטער זײַנען קלענער פאַר דיר.

ער האָט גאָרניט געענטפערט אויף דעם דאָזיקן פאָרוואָרף. ער האָט ניט ליב געהאַט אַ סך צו רעדן. ער האָט זיך קיינמאָל ניט געקלאָגט און זיך אויסגעצייכנט מיט אַ געדולד, וואָס איז געווען אַזוי שרעקלעך, ווי יענע שטיל, אין וועלכער ער האָט זיך איבערגעלערנט געדולדיק צו זײַן. ער האָט איבערגעטרונקען זײַן קאַווע, אויסגעווישט דאָס מויל מיט דער האַנט און געוואָלט אַפּשטיין.

— וואַרט אַ ווײַלע, — האָט זי אײַליק געזאָגט, — מיר דוכט, מע קאָן אָפּשנײַדן נאָך אַ פּענעץ ברויט, אַ גאַנץ דינעם.

דאָס איז געווען אַ קליין שפּיצל פון איר זײַט. זי האָט געמאַכט אַן אַנשטעל, ווי זי וואָלט שנײַדן ברויט, אָבער אינדערעמען האָט זי אײַנגעוויקלט דאָס ברויט און דאָס שטיקל צוריק אין קויש אַרײַן און אים געגעבן איינס פון די צוויי שטיקלעך, וואָס זי האָט געהאַט אָפּגעשניטן פאַר זיך. זי האָט געמיינט, אַז זי האָט אים אָפּגענאַרט, נאָר ער האָט באַמערקט דעם קונץ. אָבער ער האָט אָן געוויסנביסן דאָס ברויט צוגענומען. ער האָט פילאָסאָפיש געטראַכט, אַז זײַן מאַמע, וואָס לײַדט פון אַ כראָנישער קראַנקייט, קאָן ניט האָבן אַזאַ אַפּעטיט ווי אַנדערע.

דערזען, אַז ער קײַט טרוקן ברויט, איז זי צוגעגאַנגען צו אים און איבערגעגאָסן פון איר טעפּעלע אין זײַנס.

— עפּעס איז הײַנט באַ מיר דער מאָגנ ניט אינ אָר-דענונג, — האָט זי באַמערקט.

א לאַנגער אויסגעצויגענער פּיפּס, וואָס האָט זיכ געט-ראָגנ פונדערווײַטנ, האָט זײ ביידנ געצוווּנגענ אופּצושטײנ. זי האָט א קוק געטאָנ אפנ בלעכענעמ וועקזייגער, וואָס איז געשטאַנענ אפ דער פּאָליצע. די ווײַזער האָבנ געוויזנ האַלב זעקס. דער גאַנצער פאַבריק-אוילעמ האָט זיכ שוינ פונ שלאָפ אופגעכאַפּט. זי האָט אַרופגעוואָרפנ אפ די אַקסלענ א טיכ אינ אפנ קאָפּ אָנגעטאָנ א טונקעלנ פאַרמלאָזנ אַלטנ הוט.

— מע מוז לויפנ, — האָט זי געזאָגט, אַראָפּגעדרייט דעמ לאָמפּ אינ פאַרלאָזנ דאָס פײַער אונטער דער פּליטע.

טאַפּנדיק אינ דער פינצטער, זײַנענ זײ אַראָפּ פונ די טרעפּ אונ ארויס פונ שטוב. אינ דרויסנ איז געווענ קלאָר אונ קאַלט, אינ דזשאָני האָט א ציטער געטאָנ באַ דער ערד-שטער באַרירונג מיט דער פרישער לופט. די שטערנ אינ הימל האָבנ נאָכ נית אָנגעהייבנ בלײַכנ, אינ די גאַנצע שטאָט איז געווענ אײַנגעהילט אינ נאַכט-פינצטערניש. גייענדיק, האָבנ ביידע, דזשאָני אינ זײַנ מוטער, געשלעפּט די פיס. די פיס-מוסקולנ האָבנ נית געפילט דעמ שטאָלצנ ווונטש צו הייבנ די פיס אינ האָבנ זײ איבער דער ערד געצויגנ.

אָפּגעגאַנגענע פונפנ מינוט שווײַגנדיק, האָט זיכ די מאַמע פאַרקערעווט אפ רעכטס.

— פאַרשפּעטיק נית, — האָט זי אימ צומ לעצטנ

מאָל אָנגעזאָגט פֿון דער פֿינצטערניש אַרויס, וואָס האָט זי אײַנגעשלונגען.

ער האָט גאָרניט געענטפֿערט און איז ווײַטער זײַן וועג געגאַנגען. אין פֿאַבריק־ראַיאָן זײַנען די מויערן אומעטום געווען אָפֿן, און באַלד האָט ער זיך אויסגעמישט מיט דער מאַסע, וואָס האָט אײַלנדיק געשפּאַנט און דער פֿינ־צטערנײַ. ווען ער איז צוגעקומען צו דער טיר פֿון פֿאַ־בריק, האָט זיך ווידער דערהערט א פֿײַף. ער האָט א קוק געטאָן אַף מיזרעך. אָפֿן האָריזאָנט, איבער די [illegible] פֿון די געבײַדעס, וואָס האָבן זיך אָפֿן הימל אויסגעמאָלט, האָט אָנ־געהויבן שימערן א בלאַסלעכע שײַן. בלויז אין דער מיטן מאַקע פֿלעגט ער זען דעם טאָג און פֿלעגט באַלד אַוועק־גיין פֿון אים און זיך אויסמײַדן מיט דער אַרבעטער־מאַסע.

ער האָט פֿאַרנומען זײַן פּלאַץ אין איינער פֿון די פֿיל לאַנגע רייען בײַ די מאַשינעס. פֿאַר אים, איבער א קאַסטן, אָנגעפֿילט מיט קליינע שפּולקעס, האָבן זיך שנעל געדרייט גרויסע שפּולן. אַף זיי האָט ער אַרויפֿגעוויקלט דינע־פֿעדעם פֿון די קליינע שפּולקעס. די אַרבעט איז געווען איינפֿאַך. אַלץ, וואָס מע האָט געפֿאָדערט פֿון אים, איז געווען שנעלקייט. די קליינע שפּולקעס האָבן זיך אַזוי שנעל אַראָפּ־געוויקלט, און ס'איז געווען אַזויפֿיל גרויסע שפּולן, אַף וועלכע די פֿעדעם האָבן זיך אַרויפֿגעוויקלט, אַז ער האָט קיין איין פֿרײַע מינוט ניט געהאַט.

ער האָט געאַרבעט מעכאַניש. ווען א קליינע שפּולקע

האָט זיך אַראָפּגעוויקלט, האָט ער מיט דער לינקער האַנט,
ווי מיט אַ הייבשטעקן, אָפּגעשטעלט דעם גרויסן שפּיל
און גלייכצייטיק מיטן גרויסן און צייגפינגער אונטערגע־
כאַפּט דעם אַנטלאָפענעם עק פאָדעם. אין דער זעלבער
צייט האָט ער מיט דער רעכטער האַנט געכאַפּט
דעם פרייען עק פאָדעם פון דער קליינער שפּולקע. די דאָ־
זיקע קאָמפּליצירטע אַרבעטן זיינען דורך ביידע הענט
שנעל אויסגעפירט געוואָרן איינע נאָך דער אַנדע־
רער. ווי בליצן האָבן זיינע פינגער געגלאַנצט, בע־
שאַס יעך האָט די פעדעם פאַרבונדן אין אַ קניפּל און אַ
לאַנג געטאָן די שפּולקע. ס'איז ניט געווען קיין שווע־
רע זאַך, ווי דאָס מאַכן אָט די קניפּלעך. ער האָט זיך
איינמאָל באַרימט, אַז ער וואָלט זיי אין שלאָף געקאָנט
פאַרקניפּן. און דעריבער האָט זיך אים טיילמאָל גע־
דאַכט, אַז זיין לעבן איז ענלעך צו אַן אומענדלעכן לאַנגן
שלאָף און אין שלאָף פאַרקניפּט ער די עקן פון די
פעדעם.

אייניקע יונגלעך האָבן געפּאַלשעוועט, און די מאַשין
האָט בײַ זיי אַ לאַנגע צייט ניט געאַרבעט, ווייל זיי האָבן
ניט אויסגעביטן די אַראָפּגעוויקלטע קליינע שפּולקעס אויף
נייע. בײַ אַזעלכע קינדער איז געשטאַנען אַ ספּעציעלער
אויפזעער—אַכטונג צו געבן אויף זיי. ער האָט איינמאָל דזשאָ־
ניען אַ שאָבן געכאַפּט בײַ זיין שפּיל און אים די אויערן
אָנגעריסן.

— דו טו א קוק אָפּ דזשאַנינ; פּאַרוואָס ארבעטסטו ניט ווי ער?!—האָט דער צעבייזערטער אויפֿזעער געפֿרעגט.

בא דזשאַנינ האָבנ זיך די שפּילקעס געדרייט מיט דער שנעלקייט פֿונ א שטורעמווינט, אָבער עס האָט אים קלאָר ניט גערירט די דאָזיקע ליב. ס׳איז געווענ א צײַט... אָבער דאָס איז געווענ לאַנג, זייער לאַנג צוריק. זײַנ אַפּאַטיש גע-זיכט האָט גאָרניט אויסגעדריקט, בעשאַס ער האָט געהערט, אז מע שטעלט אים אַלס מוסטער. ער איז געווענ א מוס-טערהאַפֿטער ארבעטער. דאָס האָט ער געוווּסט. מע האָט עס אים אַזוי אָפֿט געזאָגט. דאָס איז געוואָרנ א געוווינהײַט, אונ איבער דעמ האָט זיך אים געדוכט, אז דאָס קאָנ אים קיינ באַזונדערע נוצנ ניט ברענגענ. דער מוסטערהאַפֿטער ארבעטער איז פֿאַרוואַנדלט געוואָרנ אינ א מוסטערהאַפֿטער מאַשינ. ווענ די ארבעט פֿלעגט בא אים גיינ ניט גוט, פֿלעגט עס טרעפֿנ צוליב דער זעלבער סיבע ווי בא א מאַ-שינ—צוליב שלעכטנ מאַטעריאַל: עס איז אַזוי אײַנגעלעבט געווענ, אז ער זאָל באַגיינ א פֿעלער, פּונקט ווי ס׳איז אײַנגעלעבט, אז א מעשוועקעס-מאַשינ, בעשאַס זי איז אינ אָרדענונג, זאָל אַרויסלאָזנ א שלעכטנ מיטהאָק.

אונ דערינ איז קיינ ווּנדער ניט געווענ. ער האָט שטענ-דיק, זײַנ גאַנצ לעבנ, געהאַט צו טאָנ מיט מאַשינעס. די מאַשינעס זײַנענ געווענ קימאַט זײַנע פֿרײַנט אונ יעדנפֿאַלס איז ער אויפֿגעוואַקסנ אינ זײַנ דערציִונג צווישנ זיי.

מיט צוועלפֿ יאָר צוריק האָט אינ דער זעלבער פֿאַב-

ריק, אינ דער וועב־אָפּטײלונג, פּאַסירט א געשעעניש, וואָס האָט דערוועקט א געוויסע אויפרעגונג. דזשאָנים מאַמענ איז ניט גוט געוואָרנ, מע האָט זי אַוועקגעלײגט אפ דער ערד, צווישנ די ווישנדיקע מאַשינעס. צוויי עלטערע פרויענ האָבנ געמוזט פאַרלאָזנ זײערע וואַרשטאַטנ אונ צוגײנ צו איר. דערבײַ איז אויכ געווענ דער אויפזעער. אינ עטלעכע מינוט אַרום האָט זיכ אינ דער וועב־אָפּטײלונג געפונענ מיט אײנ באַשעפעניש מער, וויפל עס זײַנענ אינדערפרי אַהינ געקומענ. דאָס איז געווענ דזשאָני, וואָס איז געבוירנ געוואָרנ אונטער דרויש אונ קלאַפּערנ פונ די וועב־מאַשי־נעס, אונ אינ דער ערשטער סעקונדע, ווי נאָר ער האָט זיכ אפ דער וועלט באַוויזנ, האָט ער שוינ אײַנגעאָטעמט אינ זיכ די וואַרעמע פײַכטע לופט, וואָס איז אָנגעפילט מיט דעמ ווײַסלעכדיקנ שטויב. ער האָט גלײַכ אָנגעהויבנ הוסטנ, כּדי צו באַפרײַענ זײַנע לונגענ פונ דעמ דאָזיקנ שטויב, אונ דעריבער מאַקע הוסט ער עס ביז הײַנטיקנ טאָג.

דאָס ייִנגל, וואָס האָט לעבנ דזשאָנינ געאַרבעט, האָט געכליפּעט אונ שווער געאָטעמט. זײַנ פּאָנעמ האָט אויס־געדריקט סינע צומ אויפזעער, וואָס האָט פונ אימ זײַנ בײזנ בליק ניט אַראָפּגענומענ; דערפאַר אָבער האָבנ זיכ די שפּולקעס אַראָפּגעוויקלט אינ אָרדענונג. דאָס ייִנגל האָט געשאָלטנ מיט שרעקלעכע קלאָלעס די שפּולקעס, וואָס האָבנ זיכ פאַר אימ געדרייט, אָבער דער קלאַנג פונ זײַנ

שטים איז ביז צום אױפֿזעער ניט דערגאַנגען, װײַל ער איז געשטאַנען װײַט פֿון דער מאַשין, װאָס האָט אים פֿאַרשטעלט װי אַ װאַנט.

אױף דעם אַלעמען האָט דזשאָני קײן אַכט ניט געלײגט. ער האָט געהאַט זײַנע אײגענע מײנונג װעגן אַזעלכע זאַכן. דערצו נאָך האָט זיך דאָס אַלץ אָפֿט איבערגעכאַזערט און געװאָרן אַ געװײנלעכע דערשײַנונג, און ער איז פֿיל מאָל געװען אַן אײדעס פֿון אַזעלכע צופֿאַלן. אים האָט זיך אױס־געװיזן פּונקט אַזױ אומנײטלעך זיך קעגנצושטעלן דעם אױפֿ־זעער, װי צו פֿאַרהאַלטן די פֿאָדערונגען פֿון דער מאַשין. די מאַשין איז געמאַכט געװאָרן, כּדי צו װירקן אױף אַ געװיסן אופֿן און דערמיט אױספֿירן אַ געװיסע אַרבעט. דער אױפֿזעער — דאָסגלײַכן.

עלף דעם זײגער האָט זיך אין דעם װעבצעך פּלוצ־לינג אַלץ אַ הױדער געטאָן. די סיבה פֿון דער דאָזיקער אױפֿ־רעגונג האָט זיך ניט געװאָרפֿן אין די אױגן און האָט איז די איבעריקע אײַנגעבליבענע אַרבעטנדיקע אומעטום. דאָס אײנציקע ייִנגל, װאָס האָט געאַרבעט בײַ דזשאָנים צװײטער זײַט, איז מאָמענטאַל פֿאַרשװוּנדן, װי ער װאָלט אײַנגעזונקען אין דעם לײדיקן װינקל פֿאַר די שפּולקעס. ער איז פֿאַרשװוּנדן אין אים צוזאַמען מיט זײַן קוליע. עס איז אַרײַנגעקומען דער פֿאַרװאַלטער פֿון דער פֿאַבריק און מיט אים אַ יונגערמאַן. ער איז געװען שײן געקלײדט און געטראָגן שטײַפֿע װײַסע — אַ דזשענטלמענס, לױט דעם װי

דזשאָני האָט אײַנגעטײלט מענטשן, און גלײַכצײַטיק „אינספעקטאָר“.

ער האָט שאַרף געקוקט אַפ די יונגלעך, בײַם ער איז פאַרבײַגעגאַנגענ פאַרבײַ זײ. טײלמאָל האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און געשטעלט פראַגנ. װענ ער האָט געשטעלט פראַגנ, האָט ער געמיזט שרײַענ מיטנ גאַנצנ קויעך, און דערבײַ האָט זיך זײַנ געזיכט ליכערלעך אײַנגעצויגנ פונ דער אָנשטרענגונג צו רײדנ אַזױ, מע זאָל אים הערנ. זײַנ שנעלער בליק האָט באַמערקט דעם לײדיקנ פּלאַץ לעבנ דזשאָנינ, נאָר ער האָט גאָרניט געזאָגט, דזשאָני האָט אויך זיך פלוצלינג צוגעצויגנ זײַנ אויפמערקזאַמקײט און ער האָט זיך אָפּגעשטעלט. ער האָט אָנגענומענ דזשאָנינ פאַר א האַנט און אים אָפּגעשלעפּט אַפ אײנ זײַט פונ דער מאַשינ. דאָ האָט ער א פאַרװוּנדערטער גלײַך אָפּגעלאָזט זײַנ האַנט.

— רעכט מאָגער מאַקע, — האָט דער פאַרװאַלטער געזאָגט מיט א שמײכל.

— װי א שטעקעלע, — איז געװענ דער ענטפער. — מיט נאָר א קוק אַפ זײַנע פיס. דאָס יונגל האָט רעװמאַטיזם — מאַמע איז אַנהויב, אָבער האָב שוינ קראַנק. אויב ער װעט סאַפּאַלסאָפּ ניט װערנ קײנ עפּילעפּטיקער, איז נאָר דערפאַר, װײַל נאָך פריער װעט זיך בא אים אַנטװיקלענ שװינדזוכט.

דזשאָני האָט געהערט, אָבער ניט פאַרשטאַנענ. די צוקינפטיקע אומגליקנ האָבנ אים אַבסאָליוט ניט אינטערעסירט.

פירט. געארט האט אים דער אנפאל, וואָס האָט אים אינ
דער מינוט געדראָעט פונ אינספעקטאָרס זײַט.

— הער אויס, ייִנגל, נאָר איכ וואלט וועלנ, זאָלסט מיר זאָגנ דעמ עמעס, — האָט דער אינספעקטאָר געזאָגט אָדער געשריִענ, איינגעבויגנ צומ ייִנגלס-אויער, קעדיי יע-נער זאָל אימ הערנ. — ווי אלט ביסטו?

— פערצנ, — האָט דזשאָני געזאָגט א ליגנ מיט דער גאנצער קראפט פונ זײַנע לונגענ. ער האָט געזאָגט דעמ ליגנ אזוי הויכ, אז עס האָט זיכ באַ אימ ארויסגעריסנ א טרוקענער, איבערגעריסענער הוסט, וואָס האָט אויפגעהויבנ דעמ גאנצנ שטויב, וועלכער האָט זיכ יערנ פרימאָרגנ אינ זײַנע לונגענ אָפגעלייגט.

— אינ אויסזענ זעט ער אויס ווייניקסטנס אפ זעכצנ, — האָט דער פארוואלטער באמערקט.

— אָדער זעכציק, — האָט דער אינספעקטאָר איבער-געבאפט.

— ער האָט שטענדיק אזוי אויסגעזענ.

— פונ ווענ אָנ? — האָט דער אינספעקטאָר האסטיק געפרעגט.

— פיר יאָר. אונ ער האָט קיינמאָל ניט אויסגעזענ באמיט עטוואָס עלטער.

— אָדער יינגער, וועל איכ זיכ דערלויבנ צו באַ-מערקנ. געווינ האָט ער די אלע יאָרנ געארבעט דאָ?

— טיילמאָל געארבעט, טיילמאָל אוועקגעגאנגענ, נאָר

דאָס איז געווענ פריער, ווי דער נייער געזעצ איז אָנגענו=מענ געוואָרנ, — האָט דער פאַרוואַלטער געשמייכלט צו=געגעבנ.

— די מאַשינ אַרבעט ניט? — האָט דער אינספעקטאָר נאָכגעפרעגט אונ אָנגעוויזנ אַפ דער ניט פאַרנומענער מאַשינ לעבנ דזשאַני, ווו די געלאָזענע שפילקעס האָבנ זיכ גע=דרייט, ווי משוגענע.

— וואָס איז דאָס? — דער פאַרוואַלטער האָט צוגע=רופנ דעם איבזעער, אים א געשריי געטאָנ אינ אויער אַרײַנ אונ אָנגעוויזנ אַפ דער מאַשינ. — די מאַשינ אַרבעט ניט. — האָט ער געמאָלדנ דעם אינספעקטאָר.

זיי זײַנענ אַוועק ווײַטער, אונ דזשאַני האָט זיכ אָפּגענע=קערט צו זײַנ אַרבעט, צופרידנ, וואָס די געפאַר איז פאַרבײַ. אָבער דאָס יינגל מיטנ אײַנציקנ פוס איז ניט געווענ אַזוי גליקלעכ. דעם אינספעקטאָרס שאַרפ אויג האָט אים פאַרט דערזענ. דעם יינגלס ליפנ האָבנ געציטערט, אונ דאָס פּנים האָט געהאַט אַזאַ אויסדרוק, ווי בײַ א מענטשנ, וואָס מיט אים האָט פּאַסירט א טיפער, גרויסער אומגליק. דער איבזעער האָט אויסגעדריקט פאַרווונדערונג, ווי ער וואָלט דאָס יינגל צום ערשטנ מאָל דערזענ, בײַם דעם פאַרוואַלטערס געזיכט האָט אויסגעדריקט פאַרדראָס אונ אומצופרידנקײַט.

— איכ קענ אים, — האָט דער אינספעקטאָר גע=זאָגט. — ער איז אַלט צוועלפ יאָר. אינ פאַרלויפ פונ איינ

יאָר האָב איך אים שוין פֿון דרײַ פֿאַבריקן באַפֿרײַט. דאָס איז שוין די פֿערטע.

ער האָט זיך געווענדט צום אײנפֿיסיקן ייִנגל:

— דו האָסט מיר געגעבן אַן ערנוואָרט, אַז דו וועסט גײן אין שול.

דאָס אײנפֿיסיקע ייִנגל האָט זיך צעוויינט.

— האָט ראַכמאָנעס, הער אינספּעקטאָר, בײַ אונדז זײַנען געשטאָרבן צוויי קינדער, און מיר זײַנען שרעקלעך אָרעם.

— און פֿאַרוואָס הוסטו אַזוי? — האָט דער אינספּעקטאָר געפֿרעגט, ווי באַשולדיקנדיק אים אין אַ פֿאַרברעכן.

און דאָס אײנפֿיסיקע ייִנגל, ווי עס וואָלט זײַן אומשולד געוואָלט באַווײַזן, האָט געענטפֿערט:

— דאָס איז גאָרניט, איך האָב מיך יענע וואָך פֿאַרקילט, הער אינספּעקטאָר, ווײַטער גאָרניט.

כאַפּקאַלאַפּ איז דאָס אײנפֿיסיקע ייִנגל אַרויס פֿון וועבצעך צוזאַמען מיטן אינספּעקטאָר, און דער באַגלײַטונג פֿונעם באַאומרויִקטן און פּראָטעסטירנדיקן פֿאַרוואַלטער. און דאַן האָט זיך ווידער אָנגעהויבן די מאָנאָטאָנע אַרבעט.

עס איז פֿאַרבײַ דער לאַנגער פֿרימאָרגן און דער נאָך לענגערער נאָכמיטיק, און די מידענע האָט אײַנגעשפּינט דעם טאָג פֿון אַרבעטטאָג. ס'איז שוין געווען פֿאַרנאַכט, ווען דזשאַני האָט זיך אומגעקערט פֿון דער פֿאַבריק. די

פֿאַרגייענדיקע זון האָט באַגילדעט דעם הימל און געשיקט דער וועלט אירע לעצטע וואַרעמע שטראַלן. ענדלעך איז זי פֿאַרשוווּנדן אין מערעוו־זײַט הינטער דער ראָזער ליניע אויפֿן בלויען הימל, וואָס איז געווען איבערגעשניטן מיט די דעכער פֿון די הײַזער.

צום אָוונטברויט האָט זיך פֿאַרזאַמלט די גאַנצע פֿאַמיליע — אין מיטען פֿון טאָג איז דאָס געווען די איינציקע צײַט, ווען דזשאָני האָט זיך באַגעגנט מיט זײַנע יינגערע ברידער און שוועסטער. פֿאַר אים האָט דאָס געטראָגן דעם כאַראַקטער פֿון אַ באַגעגעניש, ווײַל ער איז געווען זייער אַלט, בעת זיי זײַנען נאָך געווען שרעקלעך יונג. ער האָט ניט געקענט פֿאַרטראָגן זייער רוישיקע און פֿריילעכע יוגנט. ער האָט זיי ניט פֿאַרשטאַנען. זײַן אייגענע קינדהייט איז פֿאַרבליבן צו ווײַט אונטער אים. ער איז ענלעך געווען צו אַ צעדרייטן אַלטן מאַן, וואָס ס׳האָט אים שרעקלעך דערעכן די פֿלידערן פֿון דעם יונגוואַרג. ער האָט שטענדיק געקוקט אויף זיי און זיך געפֿרייט מיטן געדאַנק, אַז אײַנגיכן וועלן זיי שוין אויך מוזן גיין אַרבעטן. דאָס וועט באַ זיי אָפּנעמען די לעבעדיקייט, און זיי וועלן ווערן פּונקט אַזוינע געזעצטע און אָנשטענדיקע, ווי ער. ווי אַלע מענטשן, האָט זיך דזשאָני געהאַלטן פֿאַר דעם מעסטער, מיט וועלכן מע מעסט די גאַנצע וועלט.

בײם נאכטעסן האָט די מאמע דערקלערט אַז אַלערלײ איפאנים אין אַ שיר מאָל איבערגעבאַזערט אײן און דאָס זעלבע, אַז זי מוז אַלץ, װאָס זי קען נאָר; דושאַני האָט קײן אײן װאָרט ניט געזאָגט, נאָר אַז זײַן פֿאָטער איז געװען צו זען, מיט װאָס פֿאַר אַ פֿאַרגעניגן ער האָט געענדיקט עסן, אָפּגערוקט דעם שטול און אײַנגעשפּאַנט נען פֿון מײַן. אַ װײַלע האָט ער נאָך געקלערט, װוהין ער זאָל זיך װענדן: צום בעט אָדער צו דער אַרױסגאַנג־טיר. און ענדלעך האָט ער זיך געלאָזט צום אַרױסגאַנג. װײַט איז ער ניט אַװעק. ער האָט זיך געזעצט אױף אײן מעדריטן שטאַפּל פֿון בריק, די קני אַרױסגעשטעלט, די שמאָלע אַקסלען אײַנגעצױגן, די עלנבױגנס אױף די קני אָנגעשטעלט און דעם קין אױף די הענט אָנגעשפּאַרט.

זיצנדיק אַזױ, האָט ער װעגן קײן זאַך ניט געקלערט. ער האָט פּאַסיק גערוט. װאָס איז שײנער זײַן פֿאַרשטאַנד־ איז ער געשלאָפֿן. זײַנע שװעסטער און ברידער זײַנען געבליבן נאָך אין אױבן אַרױס און האָבן זיך צוזאַמען מיט אַנדערע קינדער הױפֿיק געשפּילט װײַט פֿון אים. דער עלעקטרי־שער לאַמטערן אױף דאָס האָט באַלױכטן װײַטערע לעבעדיקע געזיכטער. זײ האָבן געװוּסט, אַז ער איז אַן אומעטיקער אין אַ קרבן, אָבער דער װוּנטש־זיך צו רײצן מיט אים האָט זײ געצױגן צו אים. זײ האָבן זיך פֿאַר די הענט אָנגעכאַפּט, צוגעלאָפֿן צו אים און שפּאַסיש געזונגען פֿאַרשײ־

דענע לידלעך. צוערשט האָט ער זיי געשיקט קלאָלעס — וואָס ער האָט זיך אויסגעלערנט בײַ פאַרשיידענע [illegible], דערנאָך אָבער האָט ער באַשלאָסן, אַז עס לוינט ניט אָפּ זיי קיין אַכט צו לייגן און אַז דערמיט דערנידעריקט ער זײַן ווערדע; ער האָט זיך פאַרמיטן אין אַ פינצטער שווײַגן.

זײַן ברודער ווילי, דער צווייטער נאָך אים, וואָס האָט ערשט ניט לאַנג געפײַערט זײַן צענטיאָריקן געבוירנטאָג, איז געשטאַנען אין דער שפּיץ פון אַלעמען. דזשאָני האָט ניט געפילט צו אים קיין באַזונדערס צאַרטע געפילן. פון זײַן פריסטן עלטער אָן איז זײַן לעבן שטענדיק פאַרפינצטערט געוואָרן דורך נאָכגעבנייש פון ווילים מיזע וועגן. אין אים האָט געלעבט אַ פעסטער באַוווּסטזײַן, אַז ווילי איז אים זייער פיל שולדיק און ווײַזט אים דערפאַר קיין דאַנקבאַרקייט ניט אַרויס. אין יענע יאָרן, די דאָזיקע יאָרן ווײַטער שוין לאַנג הינטער אים, אין נעפּל פון דער פאַרגאַנגענהייט, ווען זיי האָבן געשפּילט קינדער־שפּילן, האָט ער דעם גרעסטן טייל פון זײַן פרײַער צײַט געמוזט אָפּגעבן ווילין. ווילי איז דאַן געווען אַ קליינינקער, און זייער מאַמע האָט אויך דאַן, פּונקט ווי איצט, געאַרבעט אין פאַבריק אין אַ גאַנצן טאָג און דער היים ניט געווען. און דזשאָני האָט גלײַכצײַטיק געמוזט פאַרטרעטן אי דעם טאַטן אי די מאַמע.

דעם ברודערס מי איז ווילין, קענטיק, צום ניצן גע־

וועג. ער איז געווען שיין געבויט, שטאַרק, פון זעלבן וווּקס,
ווי זיין עלטערער ברודער, און אַפילו דיקער פאַר אים. עס
האָט אויסגעזען, ווי די לעבנס־זאַפטן פון די אָדערן פון
איין ברודער וואָלטן אַריבער אין די אָדערן פון אַנדערן.
דאָס זעלבע איז אויך געווען בנוגע צו זייערע באַראַק־
טערן. דזשאָני האָט אויסגעזען דערשלאָגן, געדריקט, אַפּאַ־
טיש, ביים פינעם יונגערן ברודער האָט מאַטעיש אַרויסגע־
קוואָלן אַן איבערפלוס פון ענערגיע, אַן איבערפלוס פון
לעבנס־קרעפטן.

די יונגלעך האָבן ווייטער געדרייט דזשאָגינג און אַלץ
העכער און העכער געזונגען. ווילי האָט טאַנצנדיק זיך צו־
געזעצט און אַרויסגעשטעקט די צונג. דזשאָניס לינקע האַנט
האָט זיך אויסגעשטרעקט און איז פאַרן האַלדז אָנגע־
כאַפּט. גלייכצייטיק האָט ער זיין ביינערדיקע פייסט צונע־
טראָגן צום ברודערס גאָר. דזשאָניס ביינערדיקע פייסט
האָט מיט זיך ניט פאָרגעשטעלט קיין באַזונדערס שרעק־
לעכס זאַך, אָבער אָנשטויסן זיך אָן איר האָט. ווייזט
אויס, ווי געטאָן, און דאָס האָט באַוויזן דער קווימיש, וואָס
האָט זיך אין דער מינוט דערהערט. אַלע קינדער האָבן
דערשראָקן אַ געשריי געטאָן, און דזשאָניס שוועסטער,
דזשעני, איז אַריינגעלאָפן אין שטוב.

דזשאָני האָט ווילין שטאַרק אַ שטויס געטאָן, אים
אומגעוואָרפן און דאַן אים אַ נעם געטאָן און אַ זעץ גע־
טאָן מיטן פּאָנעם אין בלאָטע אַריין. עס איז געקומען די

מוטער מיט א געזיכט, בלאס פונ אויפרעגונג אונ מוטערלעכנ צארנ.

— וואס טשעפעט ער זיך צו מיר? — האט דזשאנגי אפ אירע אויסרייסנדיק געענטפערט. — ער זעט דענ ניט, אז איך בינ מיד?

— איך בינ איך אזוי גרויס, ווי דו, — האט זיך בייז אפגערופנ ווילי, וואס זיינ פארוויינט פּנים איז געווענ איינגעשמירט מיט בלוט אונ שמוצ. — איך בינ שוינ איצט אזוי, ווי דו, אונ וועל נאכ גרעסער זיינ, דאנ וועל איך דיך שלאגנ... ווערסט שוינ זענ, איך וועל דיך אומבארמהערציק אפשלאגנ.

— אויב דו ביסט א גרויסער, דארפסטו ניט ארבעטנ, — האט דזשאנגי א מורמל געטאנ. דאס וועט זיינ ריכטיק. דו מוזט ארבעטנ. אונ דיינ מאמע מוז דיך אוועקגעבנ ארבעטנ.

— אבער ער איז דאכ נאכ צו יונג, — האט די מאמע געענטפערט. — ער איז נאכ גאר א קליינ יינגל.

— איך בינ יינגער געווענ, האב איך שוינ געארבעט.

דזשאנגי האט בעדייע געהאט צו זאגנ נאכ עטלעכע ווערטער וועגנ דער אומגערעכטער באציונג צו אים, נאר ער האט באראטנ געראטנ, זיך בייז אומגעדרייט אונ אוועק אינ שטיב שלאפנ. די טיר אינ צימער ארײנ איז געבליבנ אפנ, כדי עס זאל ארײנגיינ די ווארעמקייט פונ קיך. ווענ ער האט זיך אויסגעטאנ אינ האלב פינצטערניש, האט ער

געהערט, ווי די מאַמע האָט געשמועסט מיט דער שכיינע, וואָס איז צו איר אַרײַנגעקומענ. די מאַמע האָט געוויינט, אונ אירע רייד האָבנ זיכ איבערגעריסנ פונ כליפּענ.

— איכ פאַרשטיי ניט, וואָס מיט דזשאָני איז געוואָרנ, — זײַנענ אירע רייד פונ קיכ צו אים דערגאַנגענ, — ער איז פריִער קיינמאָל אַזוי ניט געווענ. ער איז געווענ געדולדיק, ווי א מאַלעכ.

— ער איז אָבער פאָרט א ווויל יינגל, — האָט זי געצײַלט צוצוגעבנ, ווי צו פאַרענטפערנ זיכ. — ער אַרבעט געוויסנ-האַפט אונ דערצו האָט ער צו פרי אָנגעהויבנ אַרבעטנ. נאָר איכ בינ דערינ ניט שולדיק. איכ טו אַלצ, וואָס איכ קאָנ נאָר.

פונ קיכ אַרויס האָט זיכ דערהערט א כליפּערנ, אונ צוהערנדיק זיכ צו דער האָזיקער כליפּערנ, האָט דזשאָני מיט שוינ פאַרמאַכטע אויגנ א מורמל געטאָנ פאַר זיכ: „יאָ, איכ האָב מײַנ גאַנצ לעבנ געוויסנהאַפט געאַרבעט“.

צומאָרגנס פרי האָט ער ווידער מילכאָמע געהאַלטנ מיט דער מאַמענ, ביז זי האָט אים אויפגעוועקט. האָנ דער ניש-טיקער פרישטיק, דאָס גיינ אינ דער פינצטער אונ דער בלאַסער זונענשטראַל פונ הינטער די דעכער פונ די הײַזער, ווענ ער האָט זיכ צו זיי אומגעדרייט מיטנ רוקנ אונ איז דורכ די קאָנטראָל-טירנ אינ פאַבריק אַרײַנ. אַזוי איז אַוועק א טאָג נאָכ א טאָג, אונ אַלע זײַנענ זיי געווענ גלײַכ.

דאָכ אָבער פלעגנ אויכ אינ זײַנ לעבנ פאָרקומענ נײַס.

איינמאָל איז עס געווענ, ווענ ער האָט געביטנ די ארבעט, דאָס צווייטע מאָל, ווענ ער איז קראַנק געווענ. ווענ ער איז אלט געווענ זעקס יאָר, האָט ער פאַרטראָגנ דעמ טאַטנ פאַר ווילינ און פאַר די איבעריקע, נאָכ קלענערע קינדער. צו זיבנ יאָר האָט ער אָנגעהויבנ גיינ אינ פאַבריק — וויקלענ שפּולקעס: ווענ ער איז אלט געווענ אכט יאָר, איז ער אריבער ארבעטנ אינ א נייער פאַבריק. זיינ נייע ארבעט איז געווענ וווּנדערבאַר לייכט. דאָס איינציקע, וואָס מע האָט פאַרלאַנגט פונ אימ, איז געווענ ער זאָל זיצנ מיט א קליינ שטעקעלע אינ האַנט אונ אכטונג געבנ אפ לייוונט, וואָס איז פאַר אימ געלאָפנ. די דאָזיקע לייוונט פלעגט ארויסגיינ פונ א מאַשינ, דורכגיינ דורכ א הייסנ וואַלצ אונ זיכ ווייטער גיינ איר וועג אינ אנ אנדער אָרט. בלויז דאָס יינגל איז געזעסנ שטענדיק אפ איינ אָרט אינ אנ אָפּטיילונג, וווּ קיינ איינציקער זונענשטראַל האָט ניט אריינגעדרונגענ, שטענדיק געארבעט באַמ גאַז — ער איז געווענ ווי א טייל פונ מעכאַניזמ.

ניט געקוקט אפ דער פינצטער וואַרעמקייט, האָט ער זיכ דאָ געפילט זייער גליקלעכ, ווייל ער איז נאָכ געווענ יונג אונ האָט געשוועבט אינ קיניגרייכ פונ כאַלוימעס אונ פאַנטאַזיעס. אונ ביימ ער האָט אכטונג געגעבנ אפ דעמ אומענדלעכנ פאַס לייוונט, וואָס האָט זיכ פאַר אימ געצויגנ, האָבנ זיכ אימ פאַרגעשטעלט מערקווירדיקע זאַכנ, אָבער בא דער דאָזיקער ארבעט איז אימ קלאָר ניט

אויסגעקומען צו מיינען זיך ניט פֿיזיש, ניט גײַסטיק און ער האָט אלץ ווייניקער געטרוימט, ביז זײַן גײַסט האָט אינגאנצן אויפֿגעהערט צו ארבעטן און איז אײַנגעשלאָפֿן. ביז דעם האָט ער פֿאַרדינט צו צוויי דאָלאַר א וואָך, און צוויי דאָלאַר איז פֿונקט גענוג אַז ניט צו שטארבן פֿון הונגער און ניט איבערצורײַסן זיך.

אָבער ווען ער איז געוואָרן אלט נײַן יאָר, האָט ער פֿאַרלוירן די ארבעט. די סיבה איז געווען מאָזלען. אַז ער איז געזונט געוואָרן, האָט ער באַקומען ארבעט אין א גלאָז־וואַרג־פֿאַבריק. דער לוין איז געווען גרעסער, און בײַ דער ארבעט איז נייטיק געווען געשיקטקייט. דאָס איז געווען שטיק־ארבעט, און וואָס פֿלינקער ער האָט געארבעט, אלץ מער האָט ער פֿאַרדינט. דאָס איז געווען אַן אָנטרײַבנדיקער פֿאַקטאָר, און א דאַנק דעם דאָזיקן אָנטרײַבנדיקן פֿאַקטאָר איז ער געוואָרן אַן אויסגעצייכנטער ארבעטער.

די ארבעט איז געווען זייער אײַנפֿאַך: מע האָט געדאַרפֿט צובינדן גלעזערנע פּראָפּנס צו גלעזערנע פֿלאַקאָנעס. באַם גאַרטל האָט ער געהאַט א פּאַק בענדלעך. די פֿלאַקאָנעס האָט ער געלייגט אויף דער ערד לעבן די פֿיס אַזוי, אַז ער זאָל קאָנען ארבעטן מיט ביידע הענט. ער איז געזעסן אײַנגעדרייט איבער די פֿלאַקאָנעס, איבערגעבויגן איבער די קני אַזוי, אַז זײַנע שמאָלע פּלייצעס האָט זיך אײַנגעהויקערט, און אַזוי האָט ער געזעסן צען שעה א טאָג געארבעט, ניט אויסגלײַכנדיק דעם רוקן. דאָס איז געווען שווע=

לעכ פאַר די לונגענ, אָבער דערפאַר פלעגט ער באַוויזנ פאַרטיק צו מאַכנ דרײַ הונדערט מיט פלאַקאָנעס א טאָג.

דער פאַרוואַלטער האָט שטאָלצירט מיט אים און פלעגט אַרײַנפירנ זײַנע באַזוכער א קוק צו טאָנ אפ אים. אינ פאַרלויפ פונ צענ שאָ זײַנענ דורכ זײַנע הענט דורכ דרײַ הונדערט מיט פלאַקאָנעס. ער האָט געאַרבעט פינקט מיט אזא שנעלקייט און פינקטלעכקייט, ווי א מאַשינ. אלע באַ-וועגונגענ זײַנע אויסגערעכנט. יעדע באַוועגונג פונ זײַנע הענט, יעדע באַוועגונג פונ די מוסקולנ פונ זײַנע דינע פינגער איז געווענ שנעל אונ פינקטלעכ. ער האָט געאַרבעט מיט דער גרעסטער אָנשטרענגונג אונ באַפקאָלבאָס איז ער געוואָרנ זייער נערוועז. אפילע באַנאַכט אינ שלאָפ פלעגט ער זיכ ווײַטער שאָקלענ אונ באַוועגנ די פינגער. אויכ באַנאַכט האָט ער קיינ איינ מינוט רו ניט געהאַט. ער איז געבליבנ אנ אײַנגעבויגענער, אונ זײַנע מוסקולנ האָבנ זיכ געדרייט ווײַטער. ער איז געוואָרנ בלאַס, אונ דער הוסט איז געוואָרנ שטאַרקער. דערנאָכ האָט ער באַקומענ א לונגענ-אָנצינדונג אונ האָט פאַרלוירנ די אַרבעט אינ דער גלאָזוואַרג-פאַבריק.

ווענ ער איז געזונט געוואָרנ, האָט ער זיכ אומגעקערט אינ דער הזיעונ-פאַבריק, ווו ער האָט אמאָל געוויקלט שפולקעס. איצט אָבער האָט ער באַקומענ א העכערע שטע-לע. ער איז געווענ א גוטער אַרבעטער. צווערשט האָט מענ אים אָפּגעגעבנ אינ דער קראָכמאַל-אָפּטיילונג, שפּעטער —

אין דער וועבעריי. פון דעמלט אָן האָט זיך שוין מער גאָרניט געענדערט, און יעדן טאָג האָט זיך איבערגעכאַ־זערט ווידעראַמאָל דאָס זעלבע, וואָס נעכטן

די מאַשינעס האָבן זיך באַוועגט שנעלער, ווי בעשאַס ער איז צום ערשטן מאָל אָנגעקומען אַפ דער אַרבעט, און זיין סייכל האָט אַרבעטן אָנגעהויבן פּאַמעלעכער. ער האָט שוין מער ניט געטרוימט, כאָטש זיינע ערשטע יאָרן זיי־נען פיל געווען מיט טרוימען. אייטמאָל איז ער אַפילע גע־ווען פאַרליבט. דאָס איז געווען דאַן, ווען ער האָט נאָר־וואָס אָנגעהויבן אַרבעטן באַם האַמפּ־וואַלץ, און די גע־ליבטע איז געווען דעם פאַרוואַלטערס טאָכטער. זי איז געווען פיל עלטער פאַר אים, שוין א דערוואַקסן יונג מיידל, און געזען האָט ער זי בלויז פונדערווייטן, טאָ־באַקל א מאָל זעקס. נאָר דאָס האָט גאָרניט אויסגעמאַכט. אַפ דער איבערפלאַך פון דעם פאַס לייוונט, וואָס האָט זיך געצויגן פאַר אים, האָט ער געשפּינט בילדער פון א ליכטיקער צוקונפט, פאַבריצירטע וונדערבאַרע לייוונט, מערקווירדיקע מאַשינעס, דערפינדונגען, געוואָרן אַליין א פאַבריק־אייגנטימער און ערלעכער אַבנגעשלאָס: דאָס מיידל אין זיינע אָרעמס און זי מיט ריינער ליבע געקושט אין שטערן.

אָבער דאָס איז געווען אַמאָל, איידער ער איז גע־וואָרן אַלט און האָט אויפגעהערט ליבן. זי האָט כאַסענע געהאַט און איז אַוועקגעפאָרן, און זינט גייסט איז אײַנ־

געשלאָפנ. ניט געקוקט דערויפ, האָט ער דאָך נאָך באַוויזנ א סאַך דורכצולעבנ און ער האָט זיך אָפט אומגעקוקט צו־ריק אויפ זײַנ פאַרגאַנגענהייט, ווי אַלטע לײַט קוקנ זיך אום אויפ יענער צײַט, ווענ זיי האָבנ נאָך געגלייבט אינ צויבער־דינג. ער האָט ניט געגלייבט ניט אינ צויבערנ ניט אינ הייליקנ קלאַנג; ער האָט בלויז געגלייבט אינ א ליכטי־קער צוקונפט, און זײַנ פאַנטאַזיע האָט פאַר אים געשיל־דערט בילדער אינ די האַלב־וואָלקנס, וואָס האָבנ זיך גע־הויבנ פונ פאַרבלײַבנדיקנ פאָס.

ער איז זייער פרי געוואָרנ א דערוואַקסענער מענטש. צו זיבנ יאָר, ווענ ער האָט באַקומענ זײַנ ערשטנ פאַר־דינסט, האָט זיך שוינ אָנגעהויבנ זײַנ באַבערצײַט. עס האָט זיך דערוועקט אינ אים א געפיל פונ געוויסער זעלב־שטענדיקייט, און די באַציִונגענ צווישנ אים און זײַנ מו־טער זײַנענ געוואָרנ אַנדערע. אַלס אַרבעטער און שפּײַזער פונ דער משפּחה, וואָס ברענגט דער געזעלשאַפט גע־וויסע נוצנ, האָט ער זיך געהאַלטנ בענעגיע צו איר גיבער ווי א גלײַכער מיט גלײַכע. די מעגלעכקייט, די פּילשטענ־דיקע מעגלעכקייט איז פאַר אים אָנגעקומענ, ווענ ער איז צו עלפ יאָר אויפ זעקס מאָנאַטנ אַוועק אַרבעטנ אינ דער נאַכט־וואַכטע. קיינ איינ קינד, וואָס אַרבעט אינ דער נאַכט־וואַכטע, בלײַבט שוינ מער קיינ קינד ניט.

דאַנ זײַנענ אינ זײַנ לעבנ פאָרגעקומענ פאַרשיידענע גרויסע געשעענישנ. איינע פונ זיי איז געווענ דער טאָג,

ווען זיין מאמע האט געקויפט עטלעכע קאליפארנישע פלוימען, צוויי אנדערע זיינען געווען, ווען זיין מאמע האט געמאכט א מילכיקן פיינקוכן. דאס זיינען געווען עטעכע געשעענישן. ער פלעגט זיך דערמאנען אן זיי מיט פארגעניגן. און ביידע מאל האט אים די מאמע דערציילט וועגן איינס, זייער א וווּנדערבאר געקעכץ, וואס זי האט געשטרעבט אמאל צו מאכן — דעם „שווימענדיקן אינדזל“. זי האט געזאגט, אז עס איז „גאנץ בעסער ווי א מילכיקער פיינקוכן“. און פארלויף פון עטלעכע יאר האט ער פאנטאזירט וועגן יענעם טאג, ווען ער וועט זיצן באם טיש, און פאר אים וועט שטיין דער „שווימענדיקער אינדזל“, ביז ער האט ענדלעך דעם געדאנק וועגן דעם אפגעלייגט אין געביט פון די האפענונגען, וואס וועלן קיינמאל ניט פארווירקלעכט ווערן.

איינמאל האט ער געפונען אפן גאס א זילבערנעם קווארטער. דאס איז אים געווען א גרויסע געשעעניש אין זיין לעבן און דערצו נאך זייער א מאגישע. ער האט געוווּסט, וואס ער דארף טאן, בעשאס ער האט דערזען אף דער ערד די זילבערנע מאטבייע; ער האט עס געוויסט, נאך איידער ער האט זי אויפגעהויבן. אין דער היים איז, ווי געוויינלעך, געווען ווייניק צו עסן, און דעריבער האט ער באדארפט קויפן אהיים און זאגן, אז דאס איז דער לוין פארן שאבעסדיקן אוונט. וואס ער האט באדארפט מאך, דערויף האט קיין צווייפל ניט געקאנט זיין; נאר ער

האָט קײנמאָל אױף זיך קײן געלט ניט אױסגעגעבן, און אים האָט זיך שרעקלעך פֿאַרגלוסט עפּעס א נאַשעכץ. ער האָט זײער ליב געהאַט זיסע נאַשעכצן, װעלכע ער פֿלעגט פֿאַר־זוכן בלױז אין די זעלטענע יאָנטעװים.

ער האָט ניט באַמת פֿאַרטײדיקן זיך. ער האָט גע־װוּסט, אַז דאָס איז א זינד און האָט באַװוּסטזיניק גע־זינדיקט, בעשאַס ער האָט באַשלאָסן פּיצל סענט אױף דער נאַשעכץ אױסצוגעבן. צען סענט האָט ער אָפּגעלײגט אױף אַן אַנדערש מאָל, אָבער אַזױ ער איז ניט געװױנט געװען צו טראָגן בײַ זיך געלט, האָט ער די האָזיקע צען סענט פֿאַרלױרן. דאָס האָט געטראָפֿן פּונקט דאַן, בעשאַס ער האָט געפֿילט געװיסנביסן, און דעריבער האָט ער עס אָנגענומען פֿאַר א שטראָף פֿון גאָט. א מערקװירדיקע פֿאַרשטעלונג האָט ער געהאַט װעגן דעם אָנגעװעזעם, אַל־מעכטיקן און גרױסאַרטיקן גאָט. גאָט האָט געזען און גאָט האָט אים גלײַך געשטראָפֿט, אַפֿילו ניט געגעבן אים קײן מעגלעכקײט געבן צו געניסן פֿון די פּרוכטן פֿון זינד.

בעשאַס ער פֿלעגט זיך אומקוקן אױף זײַן פֿאַרגאַנגע־נהײט, פֿלעגט ער די האָזיקע געשעענישן שטענדיק געדענקען אַלס דאָס אײנציקע װיכטיקע פֿאַרברעכן, װאָס ער איז אין זײַן לעבן באַגאַנגען, און דערבײַ האָבן זיך אין אים שטענ־דיק געװיסנביסן דערװעקט און אים פֿאַרשאַפֿט נײַע לײַדן. דאָס איז געװען דער אײנציקער טונקעלער פֿלעק אױף זײַן לעבן. ער האָט באַדױערנדיק צוריקגעקוקט אױף דער דאָזיקער

געשעעניש און באַראַטש געהאַט דערויף. ער איז געווען אומצופֿרידן, וואָס ער האָט דעם האָזיקן קוואַרטער איינגענומען. ער וואָלט אים אָפּ עפּעס בעסערס געקאָנט אויסזוכן, און ערלעבן, ווען ער וואָלט געקאָנט פֿאָרויסזען, וואָס פֿאַר אַ שטראָף אים דערוואַרט פֿון גאָט, וואָלט ער זי געקאָנט אויסמײַדן און דעם גאַנצן קוואַרטער מיטאַמאָל איבערגעבן. אַז ער האָט זיך דערמאָנט אָן זײַן פֿאַרגאַנגענ-הײט, האָט ער טויזנט מאָל זײַן קוואַרטער איבערגעגעבן און יעדעס מאָל בעסער און בעסער.

נאָך איין דערינערונג האָט ער געהאַט פֿון דער פֿאַר-גאַנגענהײט. זי איז געווען נעפּלדיק און בלאַס, אָבער זי האָט זיך טיף אײַנגעקריצט אין זײַן האַרצן צוליב זײַן פֿאָטערס גראָבע פּנים. דאָס איז ניבער געווען אַ מין קאָש-מאַר, ווי אַ דערינערונג וועגן אַ קאָנקרעטן פֿאַקט—ניבער אַן אומגעוואָרצלטע דערינערונג וועגן אַ מענטשן, וואָס וואַרפֿט אים אין שלאָף און קערט זיך צוריק אים צו זײַנע עלטערזיידעס.

די דאָזיקע דערינערונג איז הוישאָגן קיינמאָל ניט גע-קומען אָפּ זינען בא וונענשבן, בעשאַס ער איז ניט גע-שלאָפֿן. זי פֿלעגט קומען באַנאַכט, און בעט, און דער מי-נוט, ווען זײַן באַוויסטזײַן איז געשלאָפֿן. גלײַך נאָכדעם פֿלעגט שטענדיק אָנקומען אַ פֿײַניקגדיקע שלאָפֿלאָזיקײט, און אין דער ערשטער מינוט, אונטערן אײנפֿלוס פֿון אַ קרענקלעכער שרעק פֿלעגט זיך אים דוכטן, אַז ער ליגט

קווער צופוסנס פונ בעט. און לעבנ זיכ האָט ער געזענ די אומדערמלעכע געשטאַלטנ פונ מאַמע-טאַטע. זײַנ טאַטנ האָט ער ניט געדענקט, ניט געקאָנט זיכ דערמאָנענ ווי ער האָט אויסגעזענ. אַלע דערינערונגענ וועגנ זײַנ טאַטנ האָבנ זיכ קאָנצענטרירט דערויפ, וואָס ער האָט געהאַט גוואַלדיק גרויסע, גראָבע פיס.

זײַנע נאָר פריִע דערינערונגענ זײַנענ צוזאַמענ מיט אים אַלײנ אײַנגעדאַרט געוואָרנ, און קײנ שפּעטערדיקע דערינערונגענ האָט ער ניט געהאַט. אַלע טעג זײַנענ גלײַכ געווענ. פאַר אים איז אַבסאָלוט אַלצײַנס געווענ, צי נעכ-טיקער טאָג, צי פאַראַיאָרנ, צי פאַר טויזנט יאָר, צי אײנ מינוט, קײנ זאַכ האָט זיכ ניט געענדערט. ניט געווענ קײנ געשעענישנ, וואָס זאָלנ דעמ נאָכ פונ דער צײַט באַצײכע-נענ. די צײַט איז ניט געגאַנגענ. זי איז ווי אַפ אײנ אָרט געשטאַנענ. עס זײַנענ נאָר געווענ מאַשינעס, וואָס האָבנ זיכ געדרײט, נאָר זיכ פונ אָרט ניט גערירט, כאָטש זײ האָבנ זיכ אַלצ שנעלער און שנעלער באַוועגט.

אַז ער איז געוואָרנ אַלט פערצנ יאָר, איז ער אַריבער אַרבעטנ אינ דער קראַנקמאַל-אָפּטײלונג. דאָס איז געווענ אַ קאָלאָסאַלע געשעעניש. ענדלעכ איז געשענ עפּעס אַזוינס, וואָס מע קאָנ זיכ דערמאָנענ, איבער דעמ שלאָפ באַנאַכט און דאָס באַקומענ דעמ וואָכ-לײַנ. דאָס האָט באַצײכנט אַ גאַנצע עפּאָכע. דאָס איז געווענ אַנ אָליספּאַרע, וואָס לויט איר קאָנ מענ באַרעכענענ די צײַט. „ווענ איכ האָב

8)—3

אָנגעהויבנ ארבעטנ אינ דער קראַנקנקאַסע-אָפּטײלונג"—אונ
„נאָכ דעמ", — אָדער „אײדער איכ האָב אָנגעהויבנ אר-
בעטנ אינ דער קראַנקנקאַסע-אָפּטײלונג",—אזעלכע פראזנ האָבנ
זיכ אָפט ארויסגעריסנ פונ זײנ מויל.

זײנ זעכצנטנ געבורטסטאָג האָט ער געפײערט דערמיט,
װאָס ער איז אריבער אינ דער װעבערײ אונ האָט באַקומענ
א װעבשטול. דאָס איז װידער געװענ אַ אױפרעגנדיקער
פאַקטאָר, װײל ער איז אריבער אפ שטיק-ארבעט. אונ ער
האָט זיכ אויסגעצײכנט אג אײנער גענעבנ מיט דער אר-
בעט, װײל ער איז באַשאַפנ געװענ פונ בײמ, װאָס איז אפ
די פאבריק איבערגעארבעט געװאָרנ דורכ פארפײנערטע
מאַשינעס. דאָס דריטע מאָנאַט האָט ער שױנ געארבעט בא
צװײ, אונ שפּעטער בא דרײ אונ בא פיר שטולנ.

דאָס צװײטנ יאָר האָט ער שױנ איבערגעארבעט מער,
װי דער באַסטע בעסטער צײַכנ די װעבער, אונ דאָפּלט, װי
א געװײנלעכער ארבעטער. אונ אינ דער הײמ האָט זיכ
די לאַגע אלצ פארבעסערט, װאָס װײטער ער איז צוגע-
קומענ צו דער פולשטענדיקער פארגרעסערונג פונ זײנ
ארבעטס-קראַפט. דאָס האָט זײנ פארדינסטער לױט נאָכ
אלצ די נײט ניט באַפרידיקט. די קינדער זײנענ איבערגע-
װאַקסנ. זײ האָבנ מער געגעסנ אונ זײנענ געגאַנגענ אינ
שול, אונ די לערערינער האָבנ געבראַכט געלט. איבער דעמ
יאָר שפּעטער ער האָט געארבעט, אלצ שנעלער זײנענ אפ
אלעמענ די פרײזנ געשטיגנ. אפילו דאָס דירה-געלט איז גע-

שטיינג, באַמיט דאָס הויז איז קימאַט צעפאַלן צוליב דעם, ווײַל מע האָט עס ניט רעמאָנטירט.

דיזאָנג איז געוואָרן העכער, אָבער צוליב דעם האָט ער אויסגעזען נאָך מאָגערער, ווי פריער. ער איז אויך גע־ וואָרן נערוועזער. צוזאַמען מיט דער נערוועזקייט האָבן זיך באַמערקט זײַן אומעטיקייט און צערייצטקייט. פון דער ביטערער דערפאַרונג האָבן די קינדער געוווּסט, ווי געפערלעך עס איז זיך צו רירן מיט אים. ווען מאַמע האָט אים געשיקט פאַר זײַן אַרבעטס־קראַפט, נאָך איין אײַ־ אַכטונג איז טיראָל אויך שרעק געווען.

ער האָט אין לעבן קיין ברייד ניט געהאַט. ער האָט קיינמאָל ניט געזען, ווי די טעג ווענען פאַרבײַ. באַנאַכט איז ער געשלאָפן אַ גאַנץ שלאָף זײַן אומבאַוווּסטזיניק געפריבלט. די אַרבעטס צײַט האָט ער געאַרבעט, און זײַן באַריכטיגונג איז געווען דער באַוועגונג פון דער מאַשין. איבער דעם איז ווען געזעצט געווען נאָך ניט קיין פאַרשטאַנד בלאַט. ער האָט קיין איינציקס ניט געהאַט, אַרבעטער אײַ־ נציקער, געמיינט, אַז ער פאַרדינט זײַן ברויט. ער איז געווען אַן אַרבעטס־בעהעלטער. ער האָט ניט געהאַט קיין נײַ־ עס לעבן אין דאָרף, און דער מענטש פון ווען פאַר־ שטאַנד, אומבאַוווּסט פאַר אים אַליין, האָט ער אָפּגעווינט און אָפּגעשאַצט יעדע שאַ פון זײַן אַרבעט. יעדע פון זײַנע דאַנק־באַוועגונגען, יעדע ציטערן פון זײַנע מוסקולן, איז עס ווענען געמאַכט געוואָרן צוזאַמענגעשטעלט צו אַ געזעצ־

ניש, וואָס האָט אים אין דאָס גאַנצע קליינע וועלטעלע
ארום אים איבעראַשט.

דאָס איז געשען שפּעט אין פרילינג, ווען ער האָט זיך אײַנאָוונט אומגעקערט אהיים פון דער ארבעט און גע=פילט אַן אומגעוויינלעכע מידקייט. ווען ער האָט זיך צום טיש געזעצט, האָט אין דער לופט געשוועבט עפּעס אַן אָנגעשטרענגטע דערוואַרטונג אויף עפּעס אומגעוויינלעכס, אָבער ער האָט עס ניט באמערקט. ער האָט געגעסן, פאַר=טיפט אין אַן אומעטיק שווייגן, מעכאניש אויפגעגעסן, וואָס ער האָט געהאַט פאַר זיך. די קינדער האָבן האַנאָע געהאַט און געשמאַקעט מיט די ליפּן. אָבער ער האָט עס ווי ניט געזען.

— די ווײַבל, וואָס דו עסט? — האָט אים די מאַמע ענדלעך געפרעגט מיט אַ צופרידענעם טאָן.

ער האָט אומוויליק אַ קוק געטאָן אויף דעם געהעכץ, וואָס איז פאַר אים געשטאַנען, און האָט פּינקט אַזאַ אומזי=ניקן בליק געוואָרפן איבער אויף איר.

— דער „שוימענדיקער אינדיק" — האָט זי פּײַערלעך דערקלערט.

— אַ, — האָט ער געזאָגט.

— דער „שוימענדיקער אינדיק" — האָבן די קינדער אונטערגעכאַפּט אין כאָר.

— אָ, — האָט ער געזאָגט, און דאַן, ווען ער האָט

אראָפּגעשלונגענ נאָכ צוויי אָדער דריי שטיקלעכ, האָט ער צוגעגעבנ:—עפּעס ווילט זיכ מיר היינט ניט עסנ.

ער האָט דעם לעפל אוועקגעלייגט, דעם שטול אָפּגע=רוקט און זיכ שווער פונ טיש אויפגעהויבנ.

— מיר דוכט, אז בעסער פונ אלצ וועט זײַנ, אויב איכ וועל זיכ לייגנ שלאָפנ.

ווענ ער איז ארויס פונ קיכ, האָט ער געשלעפּט די פיס מער ווי געוויינלעכ. דאָס אויסטאָנ זיכ איז אימ אָנגעקו=מענ מוירעדיק שווער, אימ פארשאפט גרויסע ווייטיקנ, און ער האָט זיכ אפילע צעוויינט, ווענ ער איז אפנ בעט געפאלנ און איינ שטיק מאַקע ניט אויסגעטאָנ. ער האָט גע=פילט, ווי אינ זײַנ קאָפּ האָט זיכ אויפגעהויבנ און זיכ אָנ=געבלאָזנ עפּעס אזוינס, וואָס האָט זײַנ מוח פארצויגנ מיט נעפּל. זײַנע דינע פינגער האָבנ געפילט אזא שווער=קייט, ווי די גאנצע הויט, און אינ די שפּיצנ פינגער האָט ער געהאַט עפּעס אזא אומקלאָרנ און אומבאשטימטנ גע=פיל, ווי אינ קאָפּ. דער רוקנ האָט שרעקלעכ וויי געטאָנ. אלע ביינער האָבנ וויי געטאָנ. אלצ האָט אינ אימ ווי גע=טאָנ, און אינ זײַנ קאָפּ האָט זיכ אָנגעהויבנ א טומל, א האקערײַ, א קלאַפּערײַ, א ראַש פונ א מיליאָנ וועבשטולנ. די גאנצע לופט איז אָנגעפילט געוואָרנ מיט פליסנדיקע ווערבשפּינדלענ. זיי האָבנ דאָ און דאָרטנ געשימערט צווישנ די שטערנ. ער האָט אליינ געארבעט בא טויזנט שטולנ. און זיי האָבנ אלצ שנעלער און שנעלער געארבעט, און

זײַנ מויעכ האָט זיכ אַלצ שטאַרקער און שטאַרקער פֿאַר־
פּלאָנטערט, און ס'איז אַרויסגעקומענ אַ פֿאָדעמ, וואָס האָט
געצווּנגענ צו פֿליִענ טויזנט וועבשפּינדלענ.

צומאָרגנס איז ער צו דער אַרבעט ניט געגאַנגענ. ער
איז צופֿיל באַשעפֿטיקט געווענ בײַ די טויזנט שפּולנ, וואָס
זײַנענ אינ זײַנ קאָפּ אַרומגעפֿלויגנ. זײַנ מאַמע איז יאָ
געגאַנגענ צו דער אַרבעט, נאָר פֿריִער האָט זי געשיקט
נאָכנ דאָקטער. דער דאָקטער האָט געזאָגט, אַז דזשאָני
האָט זייער אַ שטאַרקנ גריפּ־אָנפֿאַל. דזשעני איז געבליבנ
אַלס וועכטערנ, אומ אַלצ צו באַזאָרגנ.

די קראַנקײַט איז געווענ זייער אינ אַ שווערער פֿאָרמ,
אונ דזשאָני האָט ערשט אינ אַ וואָכ אַרומ געקאָנט פֿונ
בעט אויפֿשטײנ און אינ צימער אַרומקריכנ. אינ דער צווײ־
טער וואָכ האָט דער דאָקטער געזאָגט, אַז ער קאָנ שוינ
גײנ צו דער אַרבעט. דער פֿאַרוואַלטער פֿונ דער וועבערײַ
האָט אימ באַזוכט שאַבעס נאָכמיטיק, דעמ ערשטנ טאָג
פֿונ זײַנ געזונט ווערנ.

— ער איז דער בעסטער וועבער, — האָט דער פֿאַר־
וואַלטער געזאָגט צו דזשאָניס מוטער, — זײַנ שטעלע
בלײַבט פֿאַר אימ. ער קאָנ צוריקקומענ צו דער אַרבעט אינ
בע־אַכטאָג מאָנטיק.

— פֿאַרוואָס זיטע האַנקסט ניט, דזשאָני? — האָט אימ
די מאַמע אומרויִק געפֿרעגט.

— ער איז זייער קראַנק געווענ און איז נאָכ אַלצ צו

זיך ניט געקימען, — האָט זי זיך באַמיט אים פֿאַרן גאַסט צו אַנטשולדיקן.

הושאַני איז געזעסן אײַנגעהויקערט און פֿאַראַקשנט גע־קוקט צו דער ערד. לאַנג איז ער געזעסן אין אַזאַ לאַגע אַפֿילו נאָך דעם, ווי דער פֿאַרוואַלטער איז אַוועק. אין דרויסן איז געווען וואַרעם, און ער איז געזעסן אויפֿן בריקל. מײַלמאָל האָבן זיך זײַנע ליפּן באַוועגט. עס האָט אויס־געזען, ווי ער וואָלט געווען פֿאַרטיפֿט אין חשבונות.

צומאָרגנס איז ער אַרויס אויפֿן בריקל, ווי נאָר די זון האָט אַ וואַרעמע געטאָן, און זיך ווידער אויפֿן טרעפּל אַוועק־געזעצט. דאָס מאָל האָט ער געהאַט פּאַפּיר און אַ בלײַפֿע־דער, מיט וועלכן ער האָט ווײַטער זײַנע חשבונות געמאַכט, און די האָזיקע חשבונות האָבן אים, קענטיק, געקאָסט מי און גײַסטיקע אָנשטרענגונג.

— וואָס גייט נאָך מיליאָנען? — האָט ער באַטאָג גע־פֿרעגט, ווען ווילי איז פֿון שול אַהיים געקומען. — און ווי מאַכט מען דאָס?

אָוונט־צײַט האָט ער געענדיקט די אויפֿגאַבע, וואָס ער האָט זיך געשטעלט. און דאַן פֿלעגט ער יעדן טאָג, אָבער שוין אָן פּאַפּיר און בלײַפֿעדער אַרויסגיין און זיך זעצן אויפֿן בריקל. זײַן גאַנצע אויפֿמערקזאַמקייט האָט איצט צו־געצויגן דער בוים, וואָס איז געוואַקסן אויף יענער זײַט גאַס. ער האָט שטונדנלאַנג געקוקט אויף אים און באַוווּנדערט אויפֿ־מערקזאַם באַטראַכט, ווי דער ווינט האָט זײַנע צווײַגן גע־

בויגנ, אונ אינ די בלעטער גערוישט. אינ א וואַלד אַרומ האָט ער שוינ געוווינט, פאַרוואָס דער בוימ האָט אימ אזוי פאַרינ־טערעסירט. ער האָט אינ אימ געפונענ אנ ענלעכקייט צו זיכ. זונטיק, ווענ ער איז אפנ בריקל געזעסנ, האָט ער זיכ עטלעכע מאָל צעלאַכט, פונ וואָס זײַנ מאַמע איז זייער אומ־רויק געוואָרנ, ווײַל שוינ עטלעכע יאָר האָט זי ניט געהערט, ווי ער לאַכט.

צומאָרגנס איז זי נאָכ פאַרטאָג צוגעגאַנגענ צו זײַנ בעט אימ אויפצוּוועקנ. ער איז א גאַנצע וואָכ געשלאָפנ, וויפל ער האָט געוואָלט. אינ דעריבער האָט ער זיכ איצט לעבנ איבערגעזאַפט. ער האָט זיכ קלאָר ניט קעגנגעשטעלט אונ אפילע ניט געפרואווט איבנהאַלטנ די קאָלדרע, בעת וואָס זי האָט זי גענומענ אראָפשלעפנ פונ אימ. ער איז רויק אפנ בעט געלעגנ אונ פונקט אזוי רויק געזאָגט:

— אומזיסטע מירבע, מאַמע.

— וועסט פאַרשפעטיקנ, — האָט זי געזאָגט, ווײַל זי האָט געמיינט, אז דאָס רעדט ער פונ שלאָפ.

— איכ בינ שוינ וואַכ, מאַמע, אונ איכ זאָג נאָכאַמאָל, בײַט זיכ אומזיסט מאַטערנ. די קאָנסט מיכ צורו לאָזנ. איכ וויל ניט אויפשטיינ.

— וועסט האָבנ די אַרבעט פאַרלירנ! — האָט זי אויס־געשריענ.

— איכ וויל ניט אויפשטיינ, — האָט ער איבערגעכאַ־זערט מיט א מאַרנער גלײַכגילטיקער שטימ.

יענעמ טאג איז זי שוינ אליינ אויכ צו דער ארבעט ניט געגאנגענ. דאס איז געווענ א קרענק, וואס האט איבער-געשטיגנ אלע קרענק, וואס זי האט געוווסט. פיבער אונ היצ האט זי געקאנט פארשטיינ; אבער דאס איז געווענ מעשוגאס. זי האט אימ מיט דער קאלדרע צוגעדעקט אונ דזשעגינ געשיקט נאכנ דאקטער.

ווענ דער דאקטער איז געקומענ, איז דזשאני רויק גע-שלאפנ, אבער ער האט זיכ גלייכ אויפגעכאפט אונ אנ שיימ מיינעס זיכ געלאזט דעמ פולס מאכנ.

— גארנישט, — האט דער דאקטער דערקלערט — א גרויסע שוואכקייט, ווייטער גארנישט. אפ די ביינער איז נאר קיינ פלייש נישטא.

— ער איז שטענדיק געווענ אזא, — האט די מאמע געזאגט.

— איצט גיי, מאמע, אונ לאז מיכ זיכ אויסשלאפנ.

דזשאני האט גערעדט ניט אויפגערעגט, רויק, אונ אויכ פונקט אזוי רויק זיכ אפ א זייט אוועקגעדרייט אונ איז איינ-געשלאפנ.

אווענט צענ האט ער זיכ אויפגעכאפט, זיכ אנגעטאנ אונ איז ארויס אינ קיכ, ווו ער האט געטראפנ זיינ מאמענ מיט אנ אויסדרוק פונ שרעק אפנ פנימ.

— איכ גיי אוועק, מאמע, אונ איכ וויל זיכ מיט דיר געזעגענענ.

זי האט דעמ פארטעכ פארווארפנ אפנ קאפ, זיכ אוועק-

געזעסן און זיך פּלוצלינג צעוויינט. ער האָט געדולדיק געוואַרט.

— איך האָב עס באַלד געוווּסט, — האָט זי געזאָגט שלוכצנדיק. — ווּהין, וווּהין? — האָט זי ענדלעך געפרעגט, אַראָפּגעוואָרפן דעם פאַרטעך פון קאָפּ און געקוקט אויף אים מיט אַן אויסדרוק פון דערשטוינונג און גלייכצייטיק נייגעריקייט אויפן פּאָנעם.

— איך ווייס ניט... נאָר די פיס ווערן מיר שוואַך.

ווי ער האָט עס געזאָגט, איז דער ביים אויף יענער זייט גאַס דערשינען פאַר זיין נייגעריקן בליק אין א בלענדנדי‑קער שיין. איצט האָט זיך געדוכט, אַז ער איז באַהאַלטן בא אים אונטער די וויעס, און ווען ער וויל, קאָן ער אים זען.

— און די אַרבעט? — האָט זי מיט א ציטערנדיקער שטים געפרעגט.

— איך וועל מער ניט גיין צו דער אַרבעט.

— גאָט מיינער, הושאַני! — האָט זי א קרעכץ גע‑טאָן. — רייד ניט אַזוי!

דאָס, וואָס ער האָט געזאָגט, איז אין איר אויגן גע‑ווען א לעסטערונג.

— פונוואַנען האָט זיך דאָס גענומען צו דיר? — האָט זי געפרעגט און געמאַכט א שוואַכן פּרוּוו צוגעבן דער שטים א שטרענגן טאָן.

— באַלויטעס, — האָט ער געענטפערט. — אַלץ באַלוי‑

מעט. איך האָב די וואָך געהאַט זייער פיל כאַלוימעס, די סאַמע ווונדערבאַרסטע.

— וואָס זשע וועט איצט זײַן? — האָט זי אָנגעהויבן כליפען.

קוטשאַני האָט געמאַכט א שמייכל געטאָן, און זײַן מאַמע האָט דערזען, וואָס פאַר אן איבערקערעניש אין אים איז פאָרגעקומען: זײַן אומעטיקײַט און צערייצטקײַט זײַנען פאַרשווּנדן.

— איך וועל דיר דערקלערן, — האָט ער געזאָגט. — איך בין שרעקלעך מיד געווען. וואָס זשע האָט מיך אַזוי אײַנגעמאַטערט? די באַוועגונג. איך געפין זיך אין שטענ־דיקער באַוועגונג, פון זינט איך בין אין דער וועלט געבוירן. איך בין מיד געוואָרן צו באַוועגן זיך און וויל זיך מער ניט באַוועגן. דערמאָן זיך, ווי איך האָב אין דער גלאָז־וואַרג־פאַבריק געאַרבעט. איך האָב געוויינלעך צוגעבונדן דרײַ הונדערט מיט פראָפּן א טאָג. איצט האָב איך אויס־גערעכנט, אז בײַ יעדן פלאַקאָן האָב איך צען פאַרשיידענע באַוועגונגען געמאַכט. דאָס מאַכט אויס זעקס און דרײַסיק טויזנט באַוועגונגען א טאָג. און צען טעג — דרײַ הונדערט זעכציק טויזנט באַוועגונגען. און א מאָנאַט איין מיליאָן אַכציק טויזנט. וואָרעם אויף די אַכציק טויזנט, — האָט ער געזאָגט מיט א גוטמוטיקער נאָכגיביקייט פון א פילאָ־סאָף, — וואָרעם אויף די אַכציק טויזנט, בלײַבט א מיליאָן באַוועגונגען א מאָנאַט — צוועלף מיליאָן א יאָר.

— אין דער וועבערײַ האָב איך געמאַכט צוויי מאָל מער באַוועגונגען, האָט מאַכט איים פינף און צוואַנציק מיליאָן אַ יאָר, און מיר דיכט, אַז איך באַוועג זיך שוין אַזוי קימאַט אַ מיליאָן יאָר.

— די וואָך האָב איך זיך אינגאַנצן ניט באַוועגט. שאָענ־לאַנג האָב איך קיין איין באַוועגונג ניט געמאַכט. איך פאַר־זיכער דיך, עס איז זייער אָנגענעם געווען צו זיצן אַזוי שאָענלאַנג און גאָרנישט טאָן. פריער בין איך קיינמאָל גליק־לעך ניט געווען. איך האָב קיינמאָל קיין אָפּרו ניט גע־האַט. בא אַזאַ לעבן קאָן מען ניט גליקלעך זײַן. און איצט וועל איך גאָרנישט ניט טאָן. איך וועל זיצן און זיצן, אָפּ־רוען און אָפּרוען און דערנאָך ווידער אָפּרוען.

— וואָס זשע וועט זײַן מיט ווילין און מיט די קינ־דער? — האָט זי אין פאַרצווייפלונג געפרעגט.

— יאָ, ווילי און די קינדער, — האָט ער איבערגע־כאַזערט.

אָבער אין זײַן שטים איז קיין מינדסטע ביטערקייט ניט געווען. ער האָט שוין לאַנג געקענט זײַן מאַמעס ערגייציקע שטרעבונגען וועגן דער צוקונפט פון יינגערן זון, אָבער דער געדאַנק וועגן דעם האָט אים ניט לאַנג געפּייניקט. אים האָט שוין קיין זאַך ניט געקימערט.

— איך ווייס, מאַמע, צו וואָס די האָסט פאַר ווילין געשטרעבט; די האָבסט אים געוואָלט אין שול אויסהאַלטן און אים פאַר אַ בוכהאַלטער מאַכן. נאָר איצט איז עס ניט

מיינען, איך ניי אוועק. ער וועט מוזן אליין גיין ארבעטן.

— און דאס איז נאך דעם, ווי איך האב דיך פאר א מענטש געמאכט, — האט זי אין טרערן געזאגט און ווידער דעם קאפ מיטן פארטעך פארדעקט.

— דו האסט מיך קיינמאל פאר קיין מענטש ניט געמאכט, — האט ער געענטפערט מיט צערטלעכער אומעטיקייט. — איך האב מיך אליין פאר א מענטש געמאכט, באבע, און [illegible] האב איך אויך פאר א מענטש געמאכט. ער איז נענטער פאר מיר און ליבער און העכער. מיר דוכט, אז ווען איך בין א קינד געווען, האב איך זיך עלטער געהערט. אז ער איז געבוירן געווארן און א קינד געווען, האב איך געארבעט און פאר אים אויך צום עסן פארדינט. אבער איך ווייס מער ניט, ווילי קאן אליין גיין ארבעטן, ווי איך, אדער דער [illegible] מעג אים צונעמען, מיר איז אלציינס. איך בין מיד. איצט ניי איך אוועק — צי דען וועסטו מיר קיין זייגעזעגנט ניט זאגן?

זי האט ניט געענטפערט. דער פארטעך איז ווידער אבן קאפ געווען פארווארפן, און זי האט געוויינט. ער איז נאך א ווייל אבן שוועל געשטאנען.

איך בין זיכער, אז איך האב געמאכט אלץ, וואס איך האב נאר געקאנט, — האט זי שלוכצנדיק געזאגט.

ער איז ארויס פון שטוב און זיך אפ דער גאס געלאזט. אז ער האט דעם בוים דערזען, האט זיך אפ זיין פנים באוויזן א שוואכער אויסדריק פון פארגעניגן — „יא. איך

וועל באַרנימ מאַנ", האָט ער צו זיכ שטיל געזאָגט מיט אַנ אנטשלאָפענעמ מאָג. ער האָט שווײַגנדיק אַפנ הימל א קוק געטאָנ, אָבער די העלע זונ האָט אימ געבלענדט.

ער האָט געמאַכט א לאַנגנ שפּאַציר. אונ פריער האָט ער קימאַט קיינמאָל ניט שפּאַצירט. ער איז פאַרבײַגעגאַנגענ פאַרבײַ דער הישומ-פאַבריק. דער פאַרשטיקטער גערויש פונ דער וועבערײַ האָט דערגרייכט צו זײַנע אויערנ, אונ ער האָט א שמייכל געטאָנ. דאָס איז געווענ א צאַרטער, פריילעכער שמייכל. אונ אימ איז קיינ סינע ניט געווענ צו קיינעמ אונ צו קיינ זאַכ, אַפילע צו די מאַשינעס. אונ אימ איז קיינ ביטערקײַט ניט געבליבנ, קיינ זאַכ, אויסער אומענ-דלעכער דורשט צו רויִקײַט.

הײַזער אונ פאַבריקנ איז געוואָרנ אַלצ ווייניקער אונ פרײַע ערטער אַלצ מער. ענדלעכ איז די שטאָט געבליבנ הינטער אימ אונ ער האָט זיכ געלאָזט גײנ איבער א שאָסײַ-דיק שטעגל לעבנ דער אײַזנבאַנ-ליניע. ער איז געגאַנגענ ניט ווי א מענטש. ער איז ניט ענלעכ געווענ צו א מענטש. דאָס איז געווענ א פּאַראָדיע אַפּ א מענטש. דאָס איז געווענ א פאַרדרייטע אונ פאַרדאָרבענע, נאָמענלאָזע באַשעפעניש, וואָס איז געגאַנגענ אונ זיכ געוואַקלט, ווי א קראַנקע מאַל-פּע, מיט אַראָפּהענגענדיקע הענט, מיט אַנ אײַנגעהויקער-טער פיגור, מיט א שמאָלער ברוסט, לעכערלעכע אונ שרעקלעכע.

ער איז דורכגעגאַנגענ די קליינע באַנ-סטאַנציע אונ זיכ

אױסגעגלײַנט אין גראָז אונטער א בױם. דאָרט איז ער דעם גאַנצן טאָג אָפּגעלעגן. טײלמאָל האָט ער געדרעמלט און דאַן האָבן זיך זײַנע מוסקולן אין שלאָף געטרײסלט. אז ער פלעגט זיך אױפכאַפּן, פלעגט ער ליגן אומבאַװעגלעך, קוקן אַף די פײגל, אַפן הימל דורך די צװײַגן פון בױם, װאָס זײַנען איבער אים-געװען אױסגעשפּרײט. א צװײ מאָל האָט ער זיך הײך צעלאַכט, נאָר דאָס האָט קײן שײַכעס נישט געהאַט צו דעם, װאָס ער האָט געזען אָדער געפילט.

אז די אָװנט-טונקלקײט האָט זיך אַראָפּגעלאָזט און דעם אָנקום פון נאַכט אָנגעזאָגט, איז צו דער סטאַנציע דונער-דיק אָנגעקומען א פּראַכט-צוג. װען דער לאָקאָמאָטיװ האָט לױטן סיגנאַל די װאַגאָנעם אַפן צװײטן װעג אױסגע-שלעפּט, האָט דזשאָני גענומען קריכן לענגױס דעם צוג. ער האָט געעפנט די װײַטיקע טיר פון אײנעם א לײדיקן װאַגאָן, און קוים מיט מי אומגעשיקט אַרײַנגעקראָכן אַהין. ער האָט די טיר פאַרשלאָסן. דער לאָקאָמאָטיװ האָט א פײַף געטאָן. דזשאָני איז אַף דער פּאָדלאָגע געלעגן און געשמײכלט אין דער פינצטערניש.

Редактор перевода Б. Котик.
Техредактор А. Фридкин.
Корректор М. Шииллер.
Сдано в набор 3/II 37 г.
Подписано к печ. 15/X—37 г.
Ф. б. 60Х92 1/32 1½ п. л.
Уполном. Главлита РСФСР Б—24457.
Эмес № 15. Тираж 8000.

Тип. „Дер Эмес", Москва, Покровка, 9.
Заказ № 89.

[illegible] 30 коп.

МАССОВАЯ БИБЛИОТЕКА

ДЖЕК ЛОНДОН

ЗАБАСТОВАЛ

Изд-во „Эмес", Москва, Старопанский пер., 1